# צוויי נייע דערציילונגען

## דער משומד פון קלושאַן

פון וואַנעט עס האָט זיך אין קלושאַן געקענט נעמען אַ שטיקל משומד. גיי ווייס. אַ קשיא אויף אַ מעשה. נאָר אַלציקעדינג מאַכט זיך. ״חיים־יונה דער יויזל״, אַזוי׳ט מען אים גערופן. ער איז דאָרטן יונגערהייט אַריינגעפאָרן, האָט ער פאַר אַ שיבוש אָפּגעקויפט אַ כאַטע, אַ נישקשה אויסגעחורבהטע, אַקעגנאיבער דעם שטעטלשן הקדש. די שפּאַרונעס, וואָס צווישן די בערווענעס, האָט ער מיט בלאָטע און שטיינדעלעך פאַרשטעקט, און שוין.

געוואָרן אין קלושאַן אַן ״אַריינגעפאָרענער״. וואַרט צו. קיין ריכטיקער קלושאַנער ווערט מען ניט איינס און צוויי.

חיונה האָט ער געצויגן, חיים־יונה, ער האָט פאַרקויפט אַלערלייאיקע צאַצקעס, שמאָנצעס און פאַרביקע טראַנטעס (שמאַטעס, וועט דאָס הייסן, בלשון בני אדם). ער׳ט זיי רונד אַרום אויפגעקליבן, אין די דערפער און אויפן ישוב. דאָס הייסט, ער איז געווען אַ קאַראַבעלניק. ״דער אַריינגעפאָרענער קאַראַבעלניק.״

אין בית־מדרש איז ער ניט אַריינגעגאַנגען. נאָר אַפדערוף האָט מען זיך קאַם אומגעקוקט. אַ קאַראַבעלניק איז אַ קאַראַבעלניק. נאָך אַן אַריינגעפאָרענער.

נאָר ווער ווייס, אַוואָס ס׳טוט זיך ביי יענעם...

⋆ ⋆ ⋆

אין איינעם אַ טבת, האָט זיך געשטעלט אַ פראָסט אַ געזונטער. אַזוי איז דאָך אין טבת דער ״כדרכו״. חיים־יונהן האָט געטראָפן ״אַ סיבה״, ווי ס׳קען זיך מאַכן.

איינער אַ פערד, אַ בייזער סיוואַק, האָט דאָרטן לעבן הקדש געשלעפּט אַן איבערגעלאָדענעם שליטן, האָט ער זיך צעשפּוזעט, דער סיוואַק, אַ בריק געטאָן דעם חיים־יונהן אין בויך. חיים־יונה איז דאַמאָלסט גראַדע דאָרטן געשטאַנען, און – בוך!

דער אַריינגעפאָרענער קאַראַבעלניק איז אַנידערגעפאַלן אין שניי אין אַ הינערפּלעט. אַז עס טוט אַ בריק אַ געזונטער פערד, איז דאָך ניט שייך, צי אַ תנא קמא, צי אַ קאַראַבעלניק אין קלושאַן. געזונטע יונגען אַ פּאָר האָבן אים האַסטיק אָפּגעפירט צום שטעטלשן רופא – ״דער פעלדשער״. מ׳האָט אים אַוועקגעלייגט אין קראַנקן־בעטל לעבן אויוון, און דער פעלדשער האָט אים אָפּגעשפּיליעט דעם קאָלנער־קראַגן. בשעת מעשה איז דעם חולה אַראָפּגעפאַלן, פון דער קליינינקער קעשעלע וואָס אין וועסטל, אַ צלמל מיט אַ קייטעלע. פון פאַרצייטיקע גאָלד.

דער רופא האָט אויף אַן אָרט אַוועקגעחלשט.

און דער חולה, פֿאַרקערט, איז בעת מעשה צו־זיך געקומען.

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, דער חיים־יונה, און איז אַן אַ זיי־געזונט אַרויס. ניט געפֿרעגט אַפֿילו צי ער איז דאָרטן עפּעס שולדיק שכר־רפֿואה, עלעהיי יענער דאַרף פֿונדערלופֿטן און הוילע מעשים טובים אויסלעבן די יאָרן.

נאָך די מעשה מיטן צלם האָט מען גיך צעטראָגן אין קלושאַן. און פֿון "חיים־יונה פֿון די טראַנטעס" איז יענעם טבת געוואָרן: "חיים־יונה דער יויזל". און אַ׳ מ׳גיט אַ נאָמען אין שטעטל איז דאָך פֿאַרפֿאַלן.

ער איז געווען אַ שיינער ייִד מיט ברייטע פּלייצעס. אַ מיטלדיקער אין וואוקס מיט אַ הדרותדיקער שוואַרצלעכער באָרד און קרייזעדיקע האָר.

זיך דערוואוסט אין קלושאַן, אַז דאָס איז אַ ייִד וואָס טראָגט זיך גאָר אַרומעט מיט אַ צלמל אין קעשעלע פֿון וועסטל, האָט מען זיך געגומען פֿון אים אָפּווייכן. פּגע רע. קינדער ט׳מען אָנגעזאָגט אַז דעם ייִדן דאַרף מען אָפּגעבן פֿונדערווייטנס שלום און– געגאַנגען.

* * *

עס זיינען אַוועקגעלאָפֿן אַ פֿולע יאָרן. דער חיים־יונה איז געוואָרן אַ זעכציקער.

אין איינעם אַ תשרי, דאַכט זיך אַז ערגיץ צווישן יום־כּיפּור און סוכות, איז אים גאָר איינגעפֿאַלן אויף דער עלטער אַ ווייב נעמען.

טבת איז טבת, און תשרי איז תשרי.

מאַלע וואָס אַ ייִדן קען איינפֿאַלן. נאָך אינצווייען איז אַ סברא בעסער אויסלעבן די יאָרן. אַזוי רעדט מען, אַזוי ביי גוים, אַזוי ביי ייִדן.

ער איז דאָך אַלעמאָל אַרומגעפֿאָרן איבער די דערפֿער אַ זוך טאָן סחורה, פֿאַרקויפֿן סחורה, אויסבייטן זיך די טראַנטעס ווידער אויף אַנדערע טראַנטעס. אומפֿאַרגינערישע צינגער האָבן על־פּי לשון־הרע צעטראָגן, אַז ער האָט דאָרטן זיינע "פֿריינדינעס", שיקסאות, זאָל ער האָבן און זאָל ער פֿראַווען, אַבי ניט אין קלושאַן!

און איצטער צו די ששים ט׳צאַך אים פֿאַרוועלט כּדת משה וישראל חתונה האָבן. איי!

ער׳ט פֿון לאַנג אַן אויג געהאַלטן, אין קלושאַן גופֿא, אויף דער גרושה חיה־פּעשע, וואָס דער מאַן ט׳איר דאָך אָפּגעגט פֿאַרן בלייבן נאָך די צען יאָר אַן עקרה. איצטער איז זי געווען אַ לייביקע, קיילעכדיקע ייִדענע. וויפֿל יאָר איז איר, ט׳מען געגוי ניט געוואוסט. נאָר אַז זי איז "איבער די זשיבעטשיק", אין דעריין ט׳מען דעם קלענסטן ספֿק ניט געהאַט.

האָט קאָם איצט אין תשרי געשטערט, וואָס דער פֿעלדשער האָט אַן אַריינגעפֿאָרענעם, אין אַן אַמאָליקן טבת, געפּאַקט מיט אַ צלמל אין קעשעלע פֿון וועסטל. אַבי ניט אַ געבאָרענער קלושאַנער! דאָס וואָלט דאָך שוין ניט געפּאַסט, אין דער שטאָט וואו ר׳ זאב־וואָלף שו״ב האָט מקדמונים מחבר געווען דעם "ספֿר אליבא דכולי עלמא".

נאָך דערהערט, אַז ער גייט שדכנען זיך, דער טריפֿהנער אַלטער באָק, צו אַזאַ כּשרער גרושה, דער עקרה חיה־פּעשע נעבעך, איז געוואָרן אין קלושאַן אַ מבול מיט לצנות. קינדער

קונדסים האָבן גענומען אויסזינגען אויפֿן גאַס: ״זשעכטשיק ער, און זשיבעטשיק זי!״ לויטן ניגון פֿון להבדיל ״הכה שאול באלפיו, ודוד בריבבותיו״.

נאָר וואָס אַן אמת, די חיה־פּעשע האָט גענומען אויסזען גאָר אַן אַנדערע. פּאָרט געווען אַ חיות, צוקוקן זיך ווי פֿון לעבנס־טרויער קען נאָך אויף דער עלטער אויסוואַקסן פֿרייד. כאָטש אַזאָכנוויי.

וואָרהאַפּטיק, מ׳האָט מורא געהאַט איר אַריינזאָגן, אַפֿילו מיט אַן אָנצוהערעניש, חיה־פּעשען. ווער רעדט נאָך אַ וואָרט.

אַן עלנטע גרושה אַ זקנה גייט ווערן, ערגיץ ״צו די זשיבעטשיק״, אַ כלה, וואָס ט׳מען גיין מאַכן אין שטאָט אַ טראַסק אַ בהלה?

נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישניט. אַז יעדער מקום האָט דאָך זיינע משוגעים. אַזוי זאָגט קהל. און אַז קהל טוט זאָגן...

און טאָמער רעדט מען, אַז אין תמוז צעדולט זיך אַ משוגענער, רעדט מען דאָך אויכעט, אַז אין תשרי ווערט אַ משוגענער פֿאַר אַ צולאָג אויך אַ מחוצף.

קהל איז דאָך פֿאַרטאָן מיט תשובה טאָן אויף אייגענע עבירהלעך, מ׳איז פֿאַרקלערט אין נייעם יאָר, אין די יום־טובים, פֿאַרשטייט זיך, אין די חשבונות וואָס פֿירן זיך אין די הויכע היכלות. איז עלול בעת מעשה צוקומען צום מטורף אַ נייע חוצפּה. און מה־דאָך, איצטער האַלט מען דאָך טיף אין תשרי. נאָך יום־כיפּור און פֿאַר סוכות.

איז דער חיים־יונה אַוועק, דער יויזל האָט זיך אין אַ העלן פֿרייטיק אינדערפֿרי, אין אַ ספֿק וואַרעמען, ספֿק קילן, תשרידיקן אינדערפֿרי, אַוועק, ניט מער און ניט ווייניקער – צום רב!

וואָסי? טויזנט־איין נאַכט, דער רב זאָל אים מסדר קידושין זיין!
אָט האָסטע די אַנדערע טעג יום־טוב!

* * *

דער קלושאַנער רב איז אַפֿילו ניט געווען פֿון די בעלי־ספּקהניקעס, וואָס גייען און מוטשען זיך אַליין און יענעם, מיט אַלץ און מיט אַלעמען.

גאָרניט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער דעם ניט־אַרומגעהובלטן יידן וואָס האָט זיך אים געשטעלט אין בית־דין שטיבל, כהאי לישנא אַ פֿרעג געטאָן:

– ר׳ חיים־יונה בן עזריאל! זאָלט איר געזונט זיין, אַ ייד בלייבט אַ ייד, ס׳אמת וואָס מ׳דַברט אָנעט אַ לשון־הרע, אַז איר גייט אַרומעט מיט אַ צלמל אין קעשענע?!

אַ קאַראַבעלניק וואָס פּאָרט איבער די דערפֿער איז נאָכאַלעמען פֿאַר לייטן אַ טאַטנס אַ קינד, ניט קיין שעמעוודיקע עופּהלע.

– אָט אי׳ די זאַך, רבי! – און בעתן דיבור נאָך, האָט דער חיים־יונה מיט אַ העזה אויפֿגעשפּילעט דעם קנעפּל פֿון קעשעלע, און אַרויסגענומען זיין קליינינקן תכשיטל, מ׳שטיינס געזאָגט, אַ צלמל, און גענומען עפּעס פֿרעפּלען ווען ״משיח״.

דער רב האָט זיך אויך ניט פֿאַרלאָרן.

– חיים־יונה בן עזריאל! תשובה טאָן! כל־זמן מ׳לעבט, קען מען נאָך תשובה טאָן! און ווער רעדט נאָך אין תשרי! אין תשרי! איין קלייניקייט! אַז די אבות זיינען אין תשרי אויף דער וועלט געקומען, און אין תשרי זיינען זיי געשטאָרבן, אַ בפירושדיקע גמרא, אין ראש השנה, סוף פון י׳ עמוד ב׳ דאָרטן. וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר אַ צלם?! פע! טוט נאָך תשובה אין תשרי! תשובה אין תשרי!

– ס׳שטייט דען אַוואו געשריבן, רבי, אַז מ׳טאָר זיך ניט אַרומטראָגן מיט אַ צלם?״

– נו וואָדען!? פאַרוואָס עפּעס ניט? – און דערביי האָט דער רב זיך האַסטיק אַ קער געטאָן צום ספרים־שאַנק, ער האָט געהאַלטן אין אַראָפּנעמען דעם יורה־דעה; נאָר די פינגער זיינען אים געבליבן שטעקן, אַז דער חיים־יונה האָט הוק־פּוק אַ גריל געטאָן:

– האָבן זיי אַ טעות!

– שוין! שתיקה! דאָ גיב איך אייך ניט ווייטער אָפּטאָן קיין עבירות! נאָכמער: ביז וואַנענט איר ׳עט קיין תשובה ניט טאָן, ביז וואַנענט איר׳ט ניט פּטור ווערן פון דער טומאה אין קעשענע, וועט איר דאָ אין קלושאַן קיין קידושין ניט האָבן! קלושאַן איז קלושאַן, און סדום איז סדום!

– בין איך אַ ייד און איך גלייב אויך אין משיחן, ער איז גאָטס זון!

★ ★ ★

דערהערט ״גאָטס זון״, איז דעם רב אויפן אָרט אַדורך אַ קעלט אין דער שדרה. שאַרף ווי אַ חלף.

דער רב האָט זיך אויפגעשטעלט. אַ סימן איז דאָס, דער חיים־יונה זאָל אַזוי גוט זיין, זיך פון דאָרטן תיכף אָפּטראָגן.

נאָר אַ מטורף, וואָס ווערט אין תשרי צודערצו אַ מחוצף, אַרט עס אַלציקעדינג גאָרנישניט. חיים־יונה איז זיך ווייטער געזעסן אויפן בענקל. ער האָט זיך פאַרגליווערט שיער ניט ווי לוטס יידענע.

לאָ־דַי וואָס ער איז פון דאָרטן ניט אַרויס, ער׳ט צודערצו דעם רב אויפן צימבל גענומען.

– האָט איר דאָך אַליין ערשט אַ זאָג געטאָן, רבי, אַניט, אַז אַ ייד בלייבט אַ ייד! איי, איר האַלט מיר פאַר אַ זינדיקן, איז האַלט מיר פאַר אַ זינדיקן! געזונטערהייט! איך גיב אייך רעכט! יינגאַנצן! מהיכא תיתי! און וואו שטייט דען געשריבן, אַז נאָר צדיקים מעגן אין קלושאַן חתונה האָבן, אַ? אין בבא בתרא, צי אין בבא טאָלצא?!״

לאַנגע רגעס זיינען זיי זיך קעגנאַנאַנד איינגעזעסן, פאַרשטומטע, דער גאָטזעליקער קלושאַנער רב מיטן חוטא חיים־יונה, אין בית־דין שטיבל, וואָס אין רבס שטוב. געשטאַנען איז זי, די שטוב, האַרט לעבן בית־מדרש אויף שוהל־גאַס.

סוף כל סוף, האָט חיים־יונה די פּחדימדיקע שטילשווייגעניש איבערגעבראָכן. נעמט ער ביים רב און פרעגט אָט אַזאַ מין זאַך:

– און וועל איך אַוועקגעבן מיין צלמל, און אייך אַ כיזוב־ושקר זאָגן, אַז איך גלייב גאָרניט אין גאָטס זון, אין משיחן, דאַמאָלסט ׳עט איר מיר חתונה מאַכן מיט די באַשערטע?

– ניין! לא מיט אַ פּזר! תשובה! ר׳ יידן! תשובה טאָן! תשרי! מיטן גאַנצן האַרצן! מיט די רמ״ח! מיט...

– רבי! תשרי שמישרי! אַ גוטן! – און דערמיט האָט חיים־יונה, אַן אויפגעברוגזטער, זיך אַ הייב־אויף געטאָן, זיך אומגעקערט אין זייט פון דער טיר, און האָט פון דאָרטן פּליטה געמאַכט.

די טיר האָט זיך נאָכניט פאַרקלאַפּט. אַ כל־שהוא פון אַ רגע, און דעם קלושאַנער רב איז אַרויפגעלאָפן איבערן נאַקן אַן איינבייסנדיקע חרטה, אַלמאי ער האָט זיך ניט געגוג געסטאַרעט, מיט גוטן, דעם יידן איבעררייד: אָדער פון זיינע שמדאָווע געגג; און אַניט, לפּחות אָפּריידן דעם יידן פון גיין מאַכן אַ תל פון אַ כשרער עקרה אַ גרושה אין קהילת קודש קלושאַן.

* * *

פון פרייטיק ווערט שבת. און פון שבת ווערט זונטיק.

זונטיק האָבן קינדער אין שטעטל דערזען, ווי דער חיים־יונה מיט זיין חיה־פּעשע גייען אַרויס אויסגעפּוצטע פון אַלטן קלויסטער וואָס אויפן קלושאַנער מאַרק־פּלאַץ. די גוים האָבן זיך מיט זיי דערפרייט. פאַרוואָר, מ׳האָט נאָך געקענט מיינען, אַז דער ״משיח״ זייערער איז אין קלושאַן אָנגעקומען אַ קוק טאָן פון חידושים וועגן אויף די צוויי יידעלעך.

און אין קלושאַן איז אין סאַמע תשרי, צווישן יום־כּיפּור און סוכות, יענעם זונטיק ניט אַנדערש, ביי די יידן געוואָרן – כולו תשעה־באב.

קלאָר געווען, אַז דאָס האָבן זיי זיך דאָרטן אָפּגעשמדט. אינדערפרי האָט קיינער ניט באַמערקט, זיי זאָלן אין קלויסטער אַריין. נאָר ווען וועט איינפאַלן דאָרטן לעבן דער תּפילה גיין צוקוקן זיך, מי ומי ההולכים?

דער גלח האָט זיי אַוועקגעגעבן אַ מתנה, אַ צאַצקעוואַטע כאַטע אויף דער גויאישקער גאַס, זיי זאָלן פון די יידן קיין בזיונות ניט דאַרפן אויסשטיין.

חיים־יונה האָט נישקשה גערעדט אויף גויאיש – ביי אים איז דאָך געווען אַזאַ מין אַרבעט, איבער די דערפער אַרומפאָרן – נאָר די חיה־פּעשע האָט קיין וואָרט אויף אַ רפואה ניט געקענט ריידן. די גוים אין קלושאַן האָבן געקענט אַלע פלאַפּלען אויף יידיש, ״ריידן יידיש ווי אַ גוי״ האָט עס געהייסן, און זי האָט זיך מיט זיי שוין צונויפגערעדט.

ביי חיים־יונה מיט חיה־פּעשע איז געווען שלום־בית. דאָס ט׳מען אַלע מודה געווען. זיי׳ט ניט געאַרט, וואָס יידישע יינגעלעך, ״שקצים״, האָבן זיי ווען ניט נאָכגעשריען:

״משומד! משומדתטע! פּע! יאָסקע פּאַנדרע׳ס ליגט אין דר׳ערד מיט צוויי־אַ־האַלבע שוואַרצע בערד!״

פון קלושאַנער רב איז אַ תל געבליבן. צו אים איז געקומען אַ זינדיקער ייד, בעטן ער זאָל אים אויף דער עלטער מסדר קידושין זיין. האָט ער אים אָפּגעזאָגט, ניט געפּרוּווט מיט גוטן אים איבעררייידן, דעם יידן מקרב זיין, האָט יענער זיך גאָר אָפּגעשמדט און מיטגענומען מיט זיך אויפן זינדיקן וועג אַ יידישע גרושה נעבעך אַן אַלטע, וואָס האָט זיך אַלע יאָרן ניט

באַנוגנט מיט די מצוות חנ״ה, זי פּלעגט נאָך נאָכאַנאַנד, אַזוי׳ט געדאַכט, אויסדאַוונען פֿון טייטש־סידור, מיט יללות, אַ שרעק.

מ׳האָט אין די שפּעטערע יאָרן געגומען ריידן, אַז דער חיים־יונה איז אַ סברא לכתחילה אַריינגעפּאָרן אין קלושאַן אַ האַלבער משומד, און פֿון ״אַ האַלבן״ ביז ״אַ גאַנצן״ איז שוין ניט אַזאַ מהלך.

נאָר אַז אַזאַ כשרע יידענע זאָל צוליב אַ מאַן קאַליע ווערן...

האָט זיך דער רב ביי זיך אין בית־דין שטיבל געטרייסט, אַז דאָס איז פּאָרט אַ פּאַרביסענע אויף קהל געווען, איבערן בזיון וואָס מ׳האָט איר אין קלושאַן אָפּגעטאָן, דאַמאָלסט אַז דער פריערדיקער קלושאַנער רב האָט גלייך מסכים געווען אַפּדערוף, דער מאַן זאָל איר אָפּגטן איבער דער עקרות. אַ חרפּה, אַ פּרוי זאָל אין קלושאַן ״די עקרה״ הייסן, ביזקל אין סוף פֿון אירע יאָרן. נאָכמער: זי זאָל דאַרפֿן אַלע טאָג אָנקוקן אין גאַס דעם מאַן אירן, דעם אַמאָליקן, מיט דער נייער פּלוניתטע, די מאַמע פֿון קינדערלעך שיינינקע, אַן אם הבנים שמחה. טאַקע ניט שיין די גאַנצע מעשה, ניט יידיש, נאָר וואָס קען מען מאַכן...

איצטערטאָ, אַז דער מאַן אירער דער אַמאָליקער האָט זיך איבערגעפּעקלט אויף יענע וועלט, און די אַנדערע פּלוניתטע גייט אַרומעט אַ פֿאַרפֿינצטערטע אלמנה, קאָם וואָס זי קריכט אַרומעט מיט אַ שטעקעלע, האָט די חיה־פּעשע אַזש דערלעבט, סיי אַ גליק און סיי אַ נקמה. זאָל שוין די אלמנה זיך צוקוקן ווי זי, חיה־פּעשע, גייט אַרומעט אין די הויכע יאָרן מיט אַ נייעם מאַן, אַ יינגערן פֿון איר מיט אַ יאָר צען, מ׳קען אַפֿילו זאָגן אַ קראַסאַוויץ.

* * *

יאָר איין יאָר אויס, האָט זיך דער קלושאַנער רב געפּלאָגט וועגן יענעם אַמאָליקן פּרייטיק אינדערפֿרי אין תשרי. ״הונדערט מאָל גרעסער איז מיין עבירה ווי זיינע״, ט׳ער זיך איינגעחזרט. ״און טויזנט מאָל גרעסער פֿאַר איר עבירה״, האָט ער זיך אַריינגעזאָגט מיט אַ צולאָג. אַ רוגזא אויף זיך, וואָס ווערט ניט פֿאַרמינערט אין גאַנג פֿון די יאָרן, בפֿרט נאָך אַז די מענטשן דרייען זיך אַרומעט דאָ אין קלושאַן.

אַז דער רב איז אַלט און שלאַף געוואָרן, געשפּירט אַז ער איז אַ בא בימים, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוול דעם משומד, און אַוועקגעגעבן אַ באַקאַנטן קריסט, יענער זאָל דעם בריוו חיים־יונהן אַוועקטראָגן.

דאָס איז אויכעט געווען אין תשרי, צווישן יום־כיפּור און סוכות, פּונקט ווי דאַמאָלסט, מיט אַ צען יאָר פֿריער, ווען ס׳האָבן זיך די צוויי קלושאַנער אָפּגעשמדט, פֿאַר קיינעם ניט געדאַכט.

אַ קוק געטאָן די פּערלדיקע, געקרייזלטע יידישע אותיעלעך, האָט חיים־יונהן אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן.

איי, דער כח הנסתר פֿון געקרייזלטע יידישע אותיעלעך!

ער איז גלייך אַוועק צום רב.

און איינער אַקעגן אַנדערן זיינען זיי זיך געזעסן אין בית־דין שטיבל. דער רב מיטן משומד, פונקט ווי מיט אַ יאָר צען פריער, פונקט אַזוי אין תשרי.

– רבי, איר זאָלט נאָר זיין געזונט!

– ר׳ חיים־יונה, איך האָב אייך גערופן, ווייל איך וויל ביי אייך בעטן מחילה.

– וואָס פאַראַ מחילה?

– וואָס פאַראַ מחילה!? – האָט זיך אָפּגערופן דער רב מיט אַן הפלאה. – דערפאַר וואָס איך האָב אייך ניט געוועלט חתונה מאַכן צוליב אייער צלמל? איך האָב אַליין שוין אַ סך מאָל געבעטן ביים אייבערשטן מחילה, אַלמאַי איך בין געווען אַ גורם, איר זאָלט זיך גאָר אָפּשמדן און חוטא־ומחטיא זיין אַ כשרע יידישע אלמנה.

– טאָ איז וואָס? מיר זיינען דאָך גליקלעכע אויף די הויכע יאָרן. און ס׳דאָך אַלץ דער זעלביקער גאָט, אַניט, רבי? נאָר וואָס, דעם אמת געזאָגט, איז אפשר גענוג צווישן די גוים. אַ ייד בלייבט דאָך אַ ייד ביי זיי אויכעט, וואָס מיינט איר...

– קענט איר דאָך תשובה טאָן און גליקלעכע יידן זיין! אַוואָס דאַרפט איר גליקלעכע משומדים פאַרבלייבן, אַז דעריין איז קיין אמתע גליק ניטאָ?

– ווי אַזוי זשע?!

– אַ ייד בלייבט דאָך אַ ייד, איז טוט תשובה ביי זיך אין האַרצן, וועט איר צוריק ווערן דאָס וואָס איז געווען!

– אַ רגע! איר׳ט דאָך ערשט געזאָגט, רבי, אַז איר ווילט גאָר ביי מיר מחילה בעטן, דאַרפט איר דאָך אויכעט טאָן תשובה!

– ריכטיק ווי גאָלד! ׳עט מען ביידע תשובה טאָן!

אויף אַ ווײלינקע איז אַ שטילשווייגעניש אָנגעפאַלן אויפן בית־דין שטיבל ביים רב. ס׳האָט זיך נאָר געהערט פון אינדרויסן דער אָסיענדיקער גרילץ פון די גרילן.

– איז אָט וואָס: אויבע איר וועט מיר מיט מיין חיה־פעשען איצטער מסדר קידושין זיין, ניט קוקנדיק וואָס איר זייט חושד, וואָס טוט זיך ביי מיר אין קעשעלע פון וועסטל, וועלן מיר זיך אומקערן. ווי ניט איז.

⋆ ⋆ ⋆

– געמאַכט! – האָט דער קלושאַנער רב אַ שריי־אויס געטאָן, דערלאַנגענדיק בשעת מעשה מיט דער דלאָניע אַ זעץ אין טיש.

דער רב האָט זיי נאָך יענעם טאָג שטילינקערהייט חתונה געמאַכט ביי זיך אין בית־דין שטיבל. פאַר עדות האָט ער גענומען די לערנער פון בית־מדרש, זקנים, וואָס וועלן די זאַך ניט אַרומלויפן צעטראָגן.

פונדעסטוועגן, איז געווען באַשיימפערלעך קלאָר, אַז אין קלושאַן וועלן זיי ניט קענען בלייבן נאָך דעם אַלעמען. ס׳עט זיין ניט יינגאַנצן. ניט ביי די, און ניט ביי יענע.

האָט דער רב זיי אַוועקגעגעבן אַ פולע געלט, און גערופן דעם פורמאַן. מ׳האָט זיי אַרויסגעפירט העט ווייט צום רבס גליד־געשוועסטערקינדער, אויף יענער זייט סמבטיון...

★ ★ ★

אַזש קיין רוזשאַן. אָדאָס איז רוזשענאָי, וואָס אויפן בריסקער טראַקט.

אין קלושאַנער פּנקס, האָט מען קיין וואָרט וועגן דעריין ניט אַריינגעשריבן אין פּנקס.

נאָר די מעשה האָט גראָד אויפגעשריבן דער רוזשאַנער סופר.

אין קלושאַן גופא, און אין די מקומות וואָס רונד אַרום, אַז ס׳האָט זיך פאַרוועלט זאָגן ״אל תהי צדיק הרבה״, ט׳מען אַ זאָג געטאָן ניט אַנדערש: ״ס׳אַ מעשה מיטן קלושאַנער משומד!״



מאָלער: שלמה יודאָווין

## השגחה פּרטית

ערגיץ אויף דער ישיבה של מעלה ווייס זיכער ר׳ שמעון בר יוחאי אַז ר׳ אָרעלייבע איז אַ מחוסר מהימנותא! אַ קאַליקער אין אמונה־זאַכן, אַזאָכנוויי צו די יאָרן. די ווייב מיט איר שוועסטער מיט גאַנץ ליגמיאַן האַלטן זיך גרויס וואָס אַ תלמיד חכם פון אַ ווילנער ישיבה איז צו זיי אַריינגעפאָרן אויסלעבן די יאָרן, לערנען תורה במנוחה. גלאַט גניבת דעת. עבירה גוררת עבירה, ווער ווייס אין וויפל חטאים האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט, אַלציקעדינג איבער זיין גאווה. ווער איז ער דען, וואָס איז ער דען – – –

ער איז אין אַ קאַלטלעך אָסיענדיקן, פאַר יום־כּיפּורדיקן פאַרנאַכט אַרום־און־אַרום געגאַנגען, אריה־לייב קאַמראַז, מיט געלאַסענע מינעס און העוויות אַזעטקענע ווי ביי אַ תנא קמא. ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ מרוצהדיקן, בשעת ווען ביי אים אויפן האַרצן – און צומאָל ט׳אים געדאַכט אַז גאָר אין די אויערן – האָט נאָכאַנאַנד געהוזשעט. אַז אייביק לעבט דאָך ניט אַ מענטש. די שליחות דאָ אויף דער וועלט איז תורה לערנען, און די יאָרן טוט ער פאַרתכלעווען. וואָס ער אַרבעט אין דער ישיבה, און צעטרענצלט דווקא ד אָ ר ט ן די כוחות, דאָס׳ט אים נאָכמער אויסגעבויערט אַ לעכל אין דער נשמה.

אריה־לייב – ר׳ אָרעלייבע ט׳מען אים

גערופן – איז געוועזן דער ״משגיח רוחני״ אין

״זאַקרעטער ישיבהלע״, אַזוי׳עט זי זיך גערופן, די קליינינקע ישיבה, וואָס איז געשטאַנען אויף זאַקרעטער גאַס האַרטביים וועלדל.

נאָר קיין נחת ט׳ער ניט געשעפּט פון אָטאָ דער ״השגחה״ פון פרנסה וועגן. ער איז געווען אַ מיטלדיקער אין דער הייך, אַ דאַרינקער, מיט צוויי שאַרפע קנייטשן אין פּנים, וואָס האָבן צוגעפירט ווי פיילן אַראָפּצוצו צום מויל. די געדיכטע באָרד איז ביי אים נאָך יונגערהייט אַ סיווע געוואָרן, די האָר אויפן קאָפּ זיינען אים אַרויסגעקראָכן. געבליבן איז מערניט אַ געקרייזלטע וויספּע מיט אַ קנויל, וואָס האָט זיך גראָד שאַטען געהאַלטן, האַרט איבערן שטערן, עלעהיי אויף אַ סימן צו געבן, אַז דאָס׳אַ ייד אַ יוצא דופן.

די עניני דיומא, וואָס די בחורים האָבן אים אַלע ווילע אַוועקגעטראָגן, האָבן אים אַ תל געמאַכט די גאַנצע התעמקות. איינער איז אַלע דינסטיק און פרייטיק פאַרמרהשחורהט. דעם אַנדערן מוטשעט צו שחרית־צו אַ כלומרשט אימהדיקער ענין. ביי אַ דריטן ווידער פאַלט אָנעט אַ ספק, צי ער׳ט קענען ציען חיונה און זיין בשעת מעשה אַ לערנער.

ר׳ אָרעלייבען איז גאָרניט געווען אַראָפּ פון מאַרק, אַז בילכער וואָלט שוין געווען ״מנהל גשמי״ זיין, און אויסהערן, אַשטייגער, אַז דעם קאָרמעט מען ניט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין אויף דער סטאַנציע, און יענער איז ווי ס׳קען זיך מאַכן אַ קאָפּ ניט־געזונט. נאָר קיין נפקא־מינה צווישן משגיח רוחני און מנהל גשמי ט׳ער פונדעסטוועגן ניט געמאַכט ביי זיך אין געדאַנק, וויבאַלד דיביידע זאַכן נעמען אַראָפּ פונעם לערנען און זיינען קיין שום זאַך ניט מוסיף.

נאָר וואָס׳עט מאָרגן טרעפן ווייס דאָך קיינער ניט.

דער קמצן דער שווער, אַ ייד אַן עושר (ער׳ט געהאַט אַ ברויערריי אויף סובאָטש), אַז ער איז געגאַנגען אַ גאַנג, איז צו אָרעלייבען מיט דער פלוניתטע פלוצלונג אַריינגעפאַלן אַ געזונטע פּותיקי, אַזאַ וואָס סטייעט אויף איינלייגן, ס׳זאָל ביזקל די הונדערט־צוואַנציק קלעקן, אַ סברא אַז נאָך מיט אַ צולאָג.

און אָרעלייבע האָט מיט דער ווייב אינאיינעם אַ וואָרהאַפּטיקע אבילות נאָכן שווער געאבלט.

נאָר ווי אַלציקעדינג גייט אַדורך, איז אַדורך די שבעה, מיט די שלשים, מיט די עלף חדשים.

* * *

דעם שבת נאָכן יאָרצייט האָט זיך אָרעלייבען פאַרוועלט אַ ישוב הדעת מאַכן מיט זיין פלוניתטע גאָלדע־איטע – ״גאָלדיטע״ ט׳מען איר גערופן. צו שלש־סעודות האָט ער ביי איר אָן אַן הקדמה אַ פרעג אויס געטאָן:

– נו, גאָלדיטע, איז וואָזשע׳ט זיין, אַ? אַז קיין קדיש האָט אונדז דער אייבערשטער דערוויילע ניט צוגעשענקט, הלוואי בקרוב. און אויף קיין צוויי בענקעלעך טוט מען זיך ניט אַוועקזעצן. אויף הייצן ווינטערצייט די שטוב קלעקט דאָך אַן אויוון אַן איינציקער...

– – – – – – – – – – –

גאָלדיטע איז געווען אַ פּעטיטנע, אַ פלינקע, די האָר זיינען ביי איר געווען ספק שוואַרץ ספק שאַטען. שטענדיק איז זי געגאַנגען מיט אַ בלויען געקעסטלטן פאַרטעך. זי האָט האָלט געהאַט זיך חכמהנען מיטן מאַן, און ער ביי זיך האָט שטילערהייט דערשפּירט, אַז זי איז פּאָרט מיט אָנדערהאַלבן קעפּ קליגער פון אים.

– נו, גאָלדיטע, כוואַטיט! גענוג! שוין! אַן השגחה איבער די בחורים, צו וואָס, אַ? ס׳דאָך עד כאן הקפה א׳! עד כאן הקפה א׳! מ׳עט פון דאַנענט אַרויספאָרן! ערגיץ אין אַ שטעטל. דאָרטן ׳עט מען זיך במנוחה אויסלעבן די יאָרן. די לופט אַ לויטערע. ס׳גרילצן גרילן. אַ טייכעלע רוישט מיט ניגונימלעך. שפּירן שפּירד־זאַך אָנעט אַ ברעקעלע אַזש די שכינה. רעדסט דאָך כסדר אַז דיר ווילט זיך אַ קראָם האַלטן, וועסט זיך מאַכן אַ קראָם ווי דיר געפעלט. און איכ׳ל זיצן און לערנען, ס׳עט גוט זיין! אויפן טאַטנס יאָרצייט ט׳מען אַלע יאָר דאָ קומען צו פאָרן אין ווילנע, אַ גוטער בעטער זאָל ער...

– – – – – – – – – – – – –

– וואָס פאַראַ שטעטל!? גלובאָק צי מיט־א־טשוואָק? דריסע מיט פומבדיתא!

– איז אָט וואָס, גאָלדיטע, מ׳עט אַזוי מאַכן: דו אַליין ׳עסט אויסקלייבן וואואַהין מ׳עט זיך אַריבערקלייבן.

די רייד זיינע האָבן איר גלאַט פאַרחידושט.

טויזנט־איין־נאַכט, אָט אַזאַ מין איד, וואָס דרייט זיך אַלע זיינע יאָרן אין אַ ישיבהלע אין ווילנע, נעמט און קלייבט זיך אין וועג אַריין.

גאָלדיטע האָט די זאַך באַקלערט. דער איינפאַל, אַ קראָם אין אַ שטעטל האַלטן, איז איר גראַדע וואוילגעפעלן. און דאָך האָט איר אַ דאגה גענאָגט. רבונו של עולם... רעבעיניש־אילעילאָם! וואָס ט׳ער דאָרטן מאַכן אַ גאַנצן טאָג? ער קען דען אָפּזיצן און אָפּלערנען טעג מיט נעכט ווי אים דאַכט, פאַכאָזשע אַף אַ פּרוש אין גאונס קלויז? מאַלע וואָס אים דאַכט!

זי האָט גענומען אַ פרעג טאָן, ביי דעם און ביי יענעם. לאַנג ט׳זי די זאַך ניט אַרומגעקלערט.

זי האָט ביי זיך אָפּגעפּאַסט אַריבערפאָרן אין ליגמיאַן, דאָרטן וואו די עלטערע שוועסטער האָט פון לאַנג חתונה געהאַט און טעכטער מיט זין געבאָרן. אפשר וועט זיך איר, גאָלדיטען, אויך אָפּגליקן, און ס׳עט איר איבערברעכן די עקרות. און לעבן אַ שוועסטער איז גלאַט גוט צו לעבן.

אַז איינער זאָגט ״מודה״ זאָגט דאָך דער צווייטער ״אני״.

און אָרעלייבע האָט גענומען אָנטאַפּן ביי לייטן דעם דפק. וואָס ליגמיאַן און וואו ליגמיאַן.

האָט ער זיך דערגרונטעוועט, אָרעלייבע, אַז אַלציקעדינג דאָרטן איז פּונקט ווי אים האָט זיך פאַרוועלט. קיין וואָקזאַל איז ניטאָ. קיין איין געמויערטער בנין איז אויכעט ניטאָ. אַז ס׳קיין מאַרק־טאָג ניטאָ. גן־עדן התחתון! איין זאַך מערניט, צו טרויצע – ״די גרינע חגא״ ט׳מען איר אָנגערופן, זי איז אויסגעפאַלן נאָך שבועות להבדיל – האָט מען איינמאָל אין יאָר געמאַכט אין ליגמיאַן דעם גרויסן יריד. איינמאָל אין יאָר, דאָס איז שוין צו ליקוי־לבנה געגליכן.

★ ★ ★

האָט זיך ר׳ אָרעלייבע צעזעגנט מיט ווילנע. ער׳ט איבערגעלאָזן פון די נייע ירושה געלטער אַ קרנדל, אַלע יאָר זאָלן דריי אָרעמע בחורים אָפּלערנען אַ יאָר צייט אין זאַקרעטער ישיבהלע, ביז וואַנענט משיח וועט ניט אַדורכרייטן די שטאָט אויף זיין אייזל און אָפּפירן די ווילנער יידן אין ירושלים עיר הקודש.

די חדשים לויפן אַוועקעט, ס׳איז שוין געווען זומערצייט.

מיט אַ געזונטן וואָגן זיינען זיי אין אַ הייסן טאָג אין תמוז אַרויסגעפאָרן אויף ליגמיאַן, וואָס צווישן לאַבאָנאַר און קוקוצעשיק. אין די סאָסנעווע כאַטעס מיט די שטרויענע דעכער האָבן זיי זיך אָדאָרטן געלעבט, האָרעפּאַשניקעס. ווער מיט פיש און ווער מיט האָלץ האָט געהאַנדלט. אַלציקעדינג ט׳מען אַוועקגעטראָגן פאַרקויפן אין דער אויעזדנער שטאָט, אין סווינציאַן.

אין ליגמיאַן האָט זיך גאָלדיטע געלאָזן אויסטראָיען אַ שניט־קראָם, לויטן שטייגער פון די ווייבער ביי תלמידי חכמים. זי האָט זיך דאָרטן גוט איינגעלעבט. צום יאָר האָט איר אַפילו געטראָפן אַ ברעקעלע נס, זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, געבאָרן אַ בכור, אַ קדישל נאָכן טאַטן.

ביי גאָלדיטען איז נישקשה געגאַנגען אין געשעפט. זי האָט צוגענומען צו זיך אין קרעמל די שוועסטער, בשעת זי אַליין האָט געהאַלטן אין די הויכע חדשים, און דערנאָכדעם, אַז זי האָט זיך אָפּגעגעבן דעם אויסגעוויינטן יינגעלע.

און ר׳ אָרעלייבע איז גאַנצענע טעג זיך געזעסן ביי די ספרים, אַזוי ווי ס׳האָט זיך אים פאַרוועלט אין גאַנג פון די יאָרן.

⋆ ⋆ ⋆

פון אַמאָליקן שטילן, איינגעהאַלטענעם כעס איז ביי אָרעלייבען קיין סימן ניט געבליבן. ס׳האָט אַפילו אָפּגעדאַכט, אַז שאַטענענע סטרונעס נעמען אַפּסניי און יאַוועט זיך ביי אים אין דער סיווער באָרד. וואָס קען זיך מאַכן. די שאַרפע ליניעס וואָס אין צורה האָבן זיך צוגעווייכערט.

אַ שלימותדיקער גייסט אַ שלווהדיקער איז אויף דעם יידן אַרויף.

און ליגמיאַן האָט וואָרהאַפּטיק מיט גן־עדן של מטה געשמעקט. אַרומענאַרום קאַרשן, שוועמלעך און יאַגעדעס, און אָזערעס גלאַנציקע, וואָס שפּיגלען אָפּ בזעיר אנפּין די הויכע היכלות.

ער האָט אויסגעלערנט די טעג, אָרעלייבע, אַזוי ווי גאָר אַמאָל, אַז ער איז אַ יונגערמאַן אַ פּרוש אין ראַדין געווען.

נאָר דער מענטש טראַכט איצטער און דער אייבערשטער – ווייטער.

אויפן אָרט פון אַמאָליקן כעס צו דער וועלט, אַלמאַי ער פאַרתכלעוועט זיך די יאָרן, איז אויסגעוואַקסן אַ נייער, ביטערער כעס. אַ רציחה אויף זיך אַליין. ביי זיך אין האַרצן האָט זיך אָרעלייבע געסטאַרעט אָפּלייקענען וואָס ס׳האָט פּאַסירט. דאָס קען מען אָבער ניט אויף אייביק, ווײַלע ס׳בייסט זיך אַריינעט אין דער נשמה.

★ ★ ★

ביים אַמאָליקן זאַרעטשער משגיח, און גאָר אַמאָליקן ראַדינער פּרוש, איצטערטאָ: דער איינאיינציקער תלמיד חכם אויף אַ ישוב, האָט גענומען נאָגן אַ שטיקעלע טרייסלעניש אַזש, הייבט זיך אָנעט אַ מעשה, אין – דער אמונה.

ניט חלילה אַז משה רבינו האָט מיטן שטעקן דעם ים ניט צעשפּאָלטן.

און אַוודאי ניט אַז דער בורא עולם האָט די וועלט ניט געטאָן באַשאַפן.

דער איינפאַל, אַז קיין בורא עולם איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, דאָס איז דאָך אים סתם אַ שטות געווען, אויף אויסצולאַכן. וואָס, די אפּיקורסים למיניהם האָבן ניט אוספּעיעט אַריינקוקן אינעם ״חובות הלבבות״? אַז מ׳גיסט אויסעס אויף דער פּאַדלאָגע אַ פלעשעלע מיט טינט, קען דערפון אַ ספר ווערן?! קאַרפּישע קעפּ!

– – – – – – – – – – –

אָרעלייבען האָט איין זאַך מערניט געמוטשעט.

די השגחה פּרטית.

אַזאַ גרויסער באַשאַפער פון אַלציקעדינג. באַשאַפן אַזש די וועלט. איז וואָס זשע גייט אים אָן וואָס טוט זיך ביי די מענטשעלעך! ביי גרויסע צדיקים מילא, ביים גאון, ביי ר׳ חיים וואַלאָזשינער, ביים נצי״ב און ביי ר׳ שלמה אלישוב דעם לשם־שבו־ואחלמה, מהיכא־תיתי, נאָר ביי שמעון־יאַנקל דעם קוימענקערער?! בלייבט דאָך דער ״אַ׳ צו וואָס״?

אין ליגמיאַן, אַז ס׳איז ניטאָ די טירחאות פון דער ישיבהשער השגחה, האָט ער זיך אַריינגעלערנט אין מער און מער פון די ספרי חפן, און אויך אינעם רמב״ם. וואָס מער ער׳ט זיך אַריינגעלערנט, אַלץ מער איז ביי אים אויסגעוואַקסן אַ חורבן אין דער נשמה, אַלץ איבער יענער השגחה.

אַז ביי זכריה־הנביאן שטייט דאָך ״שבעה אלה עיני ה׳ המה משוטטים בכל הארץ״ – אַז אָט די זיבן זיינען דאָך די אויגן פון אייבערשטן, וואָס טוען וואַנדערן איבער גאָר דער וועלט.

און אין דער גמרא זאָגט דאָך ר׳ חנינא, דאָרטן אין חולין שוין אין פּרק ראשון, הכל שוחטין: ״אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה״ – אַז אַ מענטש צעקלאַפּט זיך ניט זיין פינגער דאָ אונטן, סיידן מ׳האָט עס אַפריער ניט אויסגערופן דאָרטן אויבן.

נאָר פון דעם וואָס ר׳ שמעון בר יוחאי ברענגט אַראָפּעט אינעם זוהר איז ער פאַרבליבן אַ בעל מרה שחורה, אַז דער תנא גלייכט אים, אָרעלייבען, גלאַט מיט אַ נאַר. דער זוהר ברענגט דאָרטן, אין שלח לך אנשים, וועגן ר׳ חזקיה מיט ר׳ ייסא, אַז זיי זיינען זיך געגאַנגען שפּאַצירן אין דער מדבר. האָט ר׳ ייסא אַ זאָג געטאָן חזקיהן: ״איך דערקען דאָך אויף דיר אַז דיר פּלאָגט וואָס״. האָט אים חזקיה געגעבן רעכט, דערציילט אַז אים קלאַפּאָטשעט דער פּסוק, אין קהלת: ״כי מקרה בני האדם ומקרה הבהמה. ומקרה אחד להם. כמות זה כן מות זה. ורוח אחד לכל. ומותר האדם מן הבהמה, אין. כי הכל הבל: הכל הולך אל מקום אחד. הכל היה מן העפר והכל שב אל העפר״ – אַז ער זאָגט, שלמה המלך, אַז ביי אַ מענטשן איז עס טרעפעניש און ביי אַ

בהמה איז עס טרעפעניש. ביי זייביידן איז עס די זעלביקע טרעפעניש. אַזוי ווי דער שטאַרבט אָפּ, אָט אַזויאָ שטאַרבט אָפּ יענער. און איין אָטעם איז דאָ ביי אַלעמען. און קיין מעלות ביי אַ מענטשן איבער אַ בהמה, איז ניטאָ. ווייל ס׳איז דאָך אַלציקעדינג הבל הבלים, אַלציקעדינג גייט דאָך אַוועקעט אויף איין אָרט. אַלציקעדינג איז פון שטויב געווען און אַלציקעדינג קערט זיך אויף שטויב אום.

האָט ר׳ חזקיה זיין חבר ייסאַן מוסר מודעה געווען, אַז אָט די פסוקים אין קהלת ערגערן אים, ווייל ס׳איז דאָך אַ מתנה די ביי וועמען ס׳ניטאָ קיין אמונה.

האָט אים זיין חבר געגעבן רעכט.

יענע רגע, אַז זיי האָבן שפּאַצירנדיקערהייט געהאַלטן אין איבערשמועסן זיך, דערציילט זיך אין זוהר, איז צו זיי צוגעגאַנגען אַ מענטש און געבעטן וואַסער, ווייל ער איז געווען אַ דאָרשטיקער, אַן אויסגעמוטשעטער פון דער ברענענדיקער זון. האָבן זיי ביי אים אַ פרעג געטאָן, ווער איז דאָס. האָט ער זיי געענטפערט: ״יודאי אנא״ – אַ ייד בין איך.

האָבן זיי ביי דעם יידן אַ פרעג געטאָן צי ער האָט געלערנט תורה. איז יענער אַ קאַפּ אין כעס געוואָרן, אַז מ׳פרעגט ביי אים אָנעט אַזאַ מין זאַך, בשעת ווען ער דאָרשט נאָך וואַסער. האָט ער זיי ביידן אַריינגעזאָגט, אַז איידער ריידן מיט זיי, וועט ער בעסער אַרויף אויפן באַרג אַקעגן, זיך אַליין אויסזוכן וואַסער און אויסטרינקען און שוין. האָט ר׳ ייסא תיכף אַרויסגענומען אַ פלעשעלע פון קעשענע, און דעם דאָרשטיקן יידן געגעבן טרינקען. אַז יענער האָט אויסגעטרונקען, האָבן זיי אים אַ זאָג געטאָן, אַז זיי׳לן מיט אים אינאיינעם אויפן באַרג אַרויף. זיינען זיי אַרויף ביז אויפן פעלדז, און געטראָפן אַ טייכעלע וואָס רוישט, און האָבן זיך אָנגעפילט אַ פלאַש.

האָבן זיי זיך זאַלבעדריט אַוועקגעזעצט. און דער ייד האָט מיט זיי גערעדט אַזוי־צו־זאָגן: ״איר האָט דאָך ביי מיר אָקערשט אַ פרעג געטאָן צי איך האָב געלערנט תורה. דאָס האָב איך געטאָן דורך מיינעם אַ זון, וועמען איך האָב אַוועקגעגעבן אַ רבין. פון מיין זון האָב איך אַ קאַפּ וואָס זיך אויכעט צוגעלערנט פון דער תורה.״ האָט אים ר׳ חזקיה געזאָגט: ״אַז ס׳איז דורך אייער זון איז וואויל און גוט, נאָר איך זע אַז אויף צו לייזן אונדזער שוועריקייט וועלן מיר דאַרפן אַנדערשוואו זוכן.״

האָט זיי דער ייד אַ זאָג געטאָן: ״גיט מיר פונדעסטוועגן צו וויסן אין וואָס דאָ גייט. ס׳טרעפט דאָך, אַז אין בייטל פון אָרעמאַן זוכט זיך אָפּ אַ פערל!״

האָבן זיי אים איבערגעזאָגט דעם פסוק פון קהלת.

האָט זיי דער ייד גלייך גענומען פותר זיין:

״שלמה המלך האָט טאַקע אַזוי געזאָגט. ס׳שטייט דאָך געשריבן. אָבער ניט פון זיינטוועגן ט׳ער עס אַזוי געזאָגט, עלעהיי די אַלע אַנדערע ווערטער וואָס אינעם ספר. נאָר וואָדען: דיאָ ווערטער האָט ער מיט אַ כיוון איבערגעחזרט פון די טיפּשים וואָס זאָגן אָט אַזויאָ! און וואָס זאָגן זיי טאַקע? אַז ׳ביי אַ מענטשן איז עס טרעפעניש און ביי אַ בהמה איז עס טרעפעניש. ביי זיי ביידן איז עס די זעלביקע טרעפעניש׳. די טיפּשים, זעט איר, וואָס ווייסן ניט, קוקן זיך ניט צו אויף חכמה, זאָגן זיי אַז אָטאָ די וועלט פירט זיך לויט טרעפענישן, אַז דער אייבערשטער גיט גאָרניט אַפּדערוף ניט קיין אַכטונג־השגחה, אַז ביי אַ מענטשן איז עס

טרעפּעניש און ביי אַ בהמה איז עס טרעפּעניש. ביי זיי ביידן איז עס די זעלביקע טרעפּעניש. און אַז שלמה המלך האָט זיך גוט צוגעקוקט, צו דיאָ טיפּשים וואָס זאָגן אָט אַזויאָ, האָט ער זיי אָנגערופן: בהמה! מחמת זיי מאַכן זיך אַליין פאַר בהמות ממש, דערמיט וואָס זיי פּלאַפּלען אויס אַזעטקענע שטותים. און פון וואַנענט נעם איך אַ ראיה פאַרדערפאַר פון פּסוק? אַז ס׳שטייט דאָך אויך געשריבן אין קהלת, דאָרטן ניט ווייט: ״אמרתי אני בלבי על דברת בני האדם לברם האלקים ולראות שהם בהמה המה להם״, אַז ער האָט געזאָגט ביי זיך אין האַרצן, שלמה המלך, אַז דאָס איז פון וועגן די מענטשן, גאָט זאָל זיי אויסלייטערן, זיי אַליין זאָלן איינזען אַז זיי זיינען ווי די בהמות!״

★ ★ ★

בליצעלעך מיט פאַסיקלעך האָבן אָרעלייבען פאַר די אויגן אַרופנאַראָפּ געטאַנצט. ער האָט אַראָפּגעקוקט מיט אַלע כוחות אין דף אַריין. אים איז ניט־גוט געוואָרן, אַז ער׳ט דערזען, וואָס ס׳זאָגט דער זוהר אויף די, וואָס גלייבן אַז קיין השגחה פּרטית איז ניטאָ: ״אינון טפּשאי. אינון מחוסרי מהימנותא. ווי לון ווי לנפשייהו. טב להו דלא ייתון לעלמא״. ער האָט גענומען זיך אַליין פאַרטייטשן אויף אַ קול, עלעהיי ער וואָלט זיין אַ מגיד אין אַ שטעטל אויף שבת – אַז טיפּשים זיינען זיי, אַז אמונה פעלט ביי זיי אויסעט יינגאַנצן, ווי איז צו זיי און צו זייערע נשמות; בעסער וואָלט זיי זיין, ווען זיי קומען גאָר אויף דער וועלט ניט!

אָרעלייבע איז ביי די צוויי וואַקסענע ליכט, וואָס ביי אים אויפן טיש, געזעסן איבערן עמוד פון אַלטן אַמסטערדאַמער האַנט־זוהרל. ער האָט גענומען אונטערכליפּען. ער איז גאָרניט ראוי במנוחה צו זיצן אין אַ שטעטל און לערנען. זיין שליחות דאָ אויף דער וועלט איז דאָס געווען די השגחה אין ישיבה של מטה וואָס אויף זאַקרעטער גאַס אשר לירושלים ד׳ליטא. ערגיץ אויף דער ישיבה של מעלה ווייס זיכער ר׳ שמעון בר יוחאי אַז ר׳ אָרעלייבע איז אַ מחוסר מהימנותא! אַ מחוסר מהימנותא! אַ קאַליקער אין אמונה־זאַכן, אַזאָכנוויי צו די יאָרן. די ווייב מיט איר שוועסטער מיט גאַנץ ליגמיאַן האַלטן זיך גרויס וואָס אַ תלמיד חכם פון אַ ווילנער ישיבה איז צו זיי אַריינגעפאָרן אויסלעבן די יאָרן, לערנען תורה במנוחה. גלאַט גניבת דעת. עבירה גוררת עבירה, ווער ווייס אין וויפל חטאים האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט, אַלציקעדינג איבער זיין גאווה. ווער איז ער דען וואָס איז ער דען – – –

לאַנג׳עט אָבער ניט געדויערט, אָרעלייבע׳ט ביי זיך אָפּגערעשעט דערגיין אַ טאָלק. דאָך פאָרט אַ ליטוואַק!

פאַר זיין פּלוניתטע און פאַר ליגמיאַן האָט ער פאַרבאַהאַלטן, אַז ביי אים פלאַקערט אַ שריפה אויפן האַרצן. פּונקט אַזוי, ווי ער האָט, אַמאָליקע יאָרן, באַוויזן פאַרבאַהאַלטן אין ווילנע דעם צער, וואָס איז ביי אים דאַמאָלסט געווען איינגעבאַקן. אים האָט געדאַכט, אַז אויסבאַהאַלטן דעם צער איז שוין אויף שטענדיק דער גורל. נאָר דער צער איז געלינדערט געוואָרן פון ליטווישן באַגער, זיך דערגרונטעווען צו דער זאַך.

★ ★ ★

באַטאָג און באַנאַכט האָט ער געקלערט מערניט איין זאַך: ווי אַזוי קען מען דאָס מאַכן. אַז מ׳קען, אין דעריין ט׳ער קיין ספק ניט געהאַט, מחמת דאָ גייט דאָך ניט אין דעם, וואָס טוט זיך אין די היכלות פון הימל, דאָ האַנדלט זיך אין באַטראַכטן אַ זאַך, וואָס דער פּועל יוצא דערפון דאַרף מען דאָך באַשיימפּערלעך קענען אָפּלערנען דאָ אויף דער וועלט. אַ נייע מעשה. אַן אב איז דען ניט אָפּצודרינגען פון זיין תולדה?

די ערשטע זאַך האָט ער זיך געכאַפּט, אָרעלייבע, אַז אויף דעריין וואָס טוט זיך ביי לייט, האָט ער זיך קיינמאָל ניט אומגעקוקט, אַחוץ וואָס אין דער אַמאָליקער השגחה, פונדעסטוועגן אַן השגחה פון פּרנסה וועגן. אים איז פּלוצלונג איינגעפאַלן, אַז ער דאַרף זיך דווקא סטאַרען, מער האָבן צו טאָן מיט עמך. אָדאָ וועט דאָס הייסן, מיט די ליגמיאַנער.

האָט ער גענומען איינסדרן אין ליגמיאַן אין די וואָכעדיקע טעג אַ שיעור עין יעקב, ווען משניות, ווען חיי אדם, און ווען חפץ חיים. אַז ביים חפץ חיים האָט ער אין די ראַדינער יאָרן אַליין דאָך געלערנט, דאַמאָלסט אַז דעם חפץ חיים ט׳מען בכל תפוצות ישראל נאָך ניט וואוילגעקענט.

די שיעורים האָבן גראָד אויסגענומען. מ׳האָט אַ קאַפּ דערשפּירט אַז ליגמיאַן, קיין שטעטלשער רב איז דאָרטן דאַמאָלסט ניט געווען, אַז ס׳איז פאָרט אַ שטעטל מיט אַלע שטעטלעך צוגלייך געוואָרן. אַריינגעפאָרן פון ווילנע אַ תלמיד חכם לערנען פאַר־זיך תורה במנוחה, איז ער בשעת מעשה מזכה די תושבים מיט שיעורים לרבים.

צוערשט איז שווער געווען די האָרעפּאַשניקעס, דאָרפישע יידן אַזעטקענע, רעכט פּאַרטייטשן אין וואָס ס׳גייט, נאָר אַז ס׳אַדורך עטלעכענע וואָכן, האָט מען גענומען פאַרשטיין. ר׳ אָרעלייבע האָט זיך צוביסלעך צוגעוויינט לערנען מיט יידן פון אַ גאַנץ יאָר. מיט אַיעדן כלשונו.

דאָ אין ליגמיאַן איז ער אַ מין מרא דאתרא פאַר עמך פאַרגילגולט געוואָרן, וואָס קען זיך מאַכן. אָן שכירות. אָן אַ התמנות. ער׳ט זיך געמאַכט אַ חשבון, אַז דאָ גייט אין ״זה נהנה וזה נהנה״, ס׳איזביידע צדדים גוט. די שטאָטלייט וועלן זיך אַלע טאָג צולערנען אַ ביסל תורה. ער׳ט זיך שטילינקערהייט אַריינקלערן אין לעבן וואָס ביי איטלעכן, מכח השגחה פּרטית דאָ אויף דער וועלט. אַן ענין וואָס ס׳פלאָגט אים ווייטער. וואָסאַמאָל מער.

זיין אָפּקנעלן אַלע טאָג מיט יידן, דאָס ט׳אים סיי ווי אַ כאַפּ אַרויס געטאָן פון דער מרה שחורה. ער האָט גענומען תופס זיין דעם ספק זיינעם, ווי אַ קשיא וואָס איז אויסן אַ תירוץ. פאַרוואָר: פאַרן שיעור און נאָכן שיעור, האָט מען אָנגעדערציילט דעם ווילנער תלמיד חכם פון פרייד און פון צער, פון גליק און פון אומגליק. אַלציקעדינג האָט ער מיט גרויס חשק נאָכגעפרעגט און איבערגעפרעגט, אפשר ׳עט עס אים אַראָפּברענגען צו השגחה פּרטית אַ ראיה.

עס זיינען אַדורכגעלאָפן עטלעכע יאָר, אַ סך גיכער ווי די יאָרן וואָס פאַר דעם. ווער עס האַלט אַז די צייט לויפט אַלעמאָל די זעלביקע זאַך, דער האָט גלאַט אַ גרויסן טעות.

פאַרפאַלן. ר׳ אָרעלייבע האָט ניט אָנגעטראָפן אויף קיין שום פאַל, וואו ס׳זאָל בפירוש קלאָר זיין, אַז ס׳איז דאָ אַן השגחה פּרטית. דאָ האָט אַ ייד קלוג געהאַנדלט, און דאָ ווידער

האָט אַ ייד זיך נאַריש געמאַכט. דאָ איז אַ גוטן מענטשן געגאַנגען כשורה, און דאָ ווידער מיט קדחת. דאָ איז אַ זקן אַוועקגעשטאָרבן שלאָפנדיקערהייט אין די גבורה יאָרן, דאָ אַ יונגערמאַן פון אַ מיאוסער קרענק, פאַר קיינעם ניט געדאַכט. קיין טאָלק איז ניטאָ, עפּעס אַלציקעדינג פון איוב.

ר׳ אָרעלייבע האָט וואָסאַמאָל מער געהאַלטן, אַז השגחה פּרטית איז אפשר ניט פון די עיקרים.

ווערט ניט דערמאָנט אין דער תורה, לפּחות ניט על דרך הפּשט. און אפשר...

און גאָרניט לויטן פּשט פון נביא. סיידן...

און אין דער קבלה, נו, אַז פאַרשיידענע מקובלים האָבן זיי זיך זייערע שיטות, איז וואָס: ס׳קען דען ניט זיין, אַז דער ייד אין זוהר, וואָס האָט זיך אָנגעטראָפן אויף ר׳ חזקיהן און מיט ר׳ ייסאן אין דער מדבר, האָט קיין טעות ניט געהאַט? שטיין שטייט טאַקע דערנאָכדעם, אַז דאָס איז גאָרניט קיין פּשוטער ייד מיט אַ זון אַ למדן געווען, נאָר וואָדען, דער עניו ר׳ חגי, וואָס איז געווען ניט סתם אַ תלמיד חכם, נייערט אַ ״חברא דבין חברייא״. האָט ר׳ חגי דאָ אפשר ניט ריכטיק געטייטשט, און רעכט האָט גראָד שלמה המלך טאַקע לויטן פּשט געהאַט. נישקשה, האַלטן מיט שלמה־המלכן איז דאָך מה־רעש...

* * *

דערווײַלע איז ליגמיאַן רונדאַרום אַ שם־דבר געוואָרן מיט די שיעורים אָרעלייבעס. פאַרוואָר, דאַמאָלסט איז נאָך אַ פולע יידן געווען אין די שטעטעלעך און דערפער אין געגנט.

ער האָט גענומען אָנשרייבן אַ חיבור, אָרעלייבע, ער׳ט אים אָנגערופן: ״השגחת צדיקים״. דאָרטן ט׳ער אַראָפּגעבראַכט רמב״מס און געטענהט, אַז ניט קוקנדיק, וואָס דער אייבערשטער איז פאַרשטייט זיך בכח אַלציקעדינג גורם זיין און וויסן אַלציקעדינג, וואָס טוט זיך ביי איטלעכן, טוט ער עס פונדעסטוועגן נאָר אין שייכות מיט יחידי סגולה, וואָס זיינען צודערצו ראוי. דעם אַמאָליקן חשד זיינעם ט׳ער מעשה ליטוואַק גאָר אין אַ שיטה פאַרוואַנדלט. וואָס אַ ליטוואַק קען.

און אָרעלייבע האָט אין דער צוואה צוגעשריבן, אַז דעם ספר זאָל מען אין ווילנע אָפּגעבן דרוקן ביי דער אלמנה והאחים ראָם אין דער דרוקעריי נאָכדעם, ווי ער וועט אַ שוכן עפר ווערן.

נאָר דערווײַלע האָט ער וואָס מער דאָרטן אַריינגעשריבן אינדעריין, דער עיקר אין די נעכט, אין זיינע פאַפּירעלעך, ביי די צוויי וואַקסענע ליכט. חלבנע ט׳ער ניט האָלט געהאַט.

אין איינעם אַ הייסן שפּעטבאַנאַכט אין תמוז האָט גאָלדיטען קיין שלאָף ניט אָנגעכאַפּט. זי איז אַריין צו אָרעלייבען.

מיט אַ קונדסישער מינע האָט זי ביי אים אַ פרעג געטאָן:

– אַז מיר שלאָפט זיך ניט, אָרעלייבע. וואָ׳ שרייבסטע דאָרטן אַ גאַנצע נאַכט, אַ?

– דעם ספר מיינעם שרייב איך, וואָדען?

– אי׳ וואָסי־דאָס באַ דיר פאַרא ספר, אַ?

און אָרעלייבע האָט איר דאָרטן שפּעט ביינאַכט אין אַ דערהויבענער רגע, אויף איין פּוס, סוף כל סוף אַלציקעדינג בלשון בני אדם אויסדערציילט, פון גרויסן ספק נאָכן אַריינפּאָרן אין ליגמיאַן, ביזקל אויסהערן די מעשיות פון די פּשוטע יידן אויף צו דערגיין די זאַך, און אַזש ביזקל היינטיקע נאַכט. ביי אים אויפן פּנים האָט זיך געיאַוועט יענער מנוחהדיקער גלאַנץ, וואָס ביי יענע, וואָס האָבן אָקערשט צום ערשטן מאָל זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. דאָס רופט זיך די פרייד פון מגלה סוד זיין.

לאַנגלעך האָט זי צוגעשוויגן.

★ ★ ★

זי איז געזעסן, גאָלדיטע, אויף אַ האַרטן בענקל, און זיך אָנגעשפּאַרט מיט אַ בעקל אָן דער דלאָניע, דעם עלנבויגן האָט זי זיך אָנגעצויגן אויפן שויס, דאָס איז אירע אַ מינע געווען פון אַמאָל, אַז זי קלערט זיך אין וואָס אַריינעט. ביסלעכווייז האָט זי גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ אויף: ״ניין״. ר׳ אָרעלייבע, זייניקע ט׳ער אויסגעפּירט, געוואָרפן די ווילנער השגחה, איצט ט׳ער אַ קאָפּ מורא געהאַט פאַר דער פּלוניתטע, ניט איבער די ירושה געלטער, נאָר וואָדען, איבער דער חכמה וואָס ביי איר.

האָט די גאָלדיטע פּלוצלונג אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ מיידלשער געלעכטער און מיט דיביידע דלאָניעס האָט זי אינדערלופטן אַריין צוגעפּאָכעט.

– נאַרעלע! אַז דו ווייסט ניט פון וואָס דו רעדסט!

עפּעס גאָר ווי אַן אַלטער רב אַ מפורסם, וואָס קען זיך פאַרגינען אָפּווישן די שטותים פון אַ תלמידל פון תלמידלס וועגן, האָט זי אים גענומען, אָן רחמנות, און געגעבן צו פאַרשטיין די זאַך, מיט אַ לאַכעדיקן קול, אַזאַ וואָס ביים אַריינזאָגן מיט גוטן.

– אָרעלייבע לעבן! דעם ספר דיינעם, האָב ניט קיין פאַראיבל, דאַרפסטע אַפּסניי נעמען אָנשרייבן. אַפּסניי! אַז ס׳איז אַלציקעדינג באַ דיר אַ טעות. אַ טעות, דו הערסט?! אַז דער טאַטע, אַ ליכטיקן גן־עדן, האָט אונדז דאַמאָלסט די ירושה פאַרשריבן, דאָס הייסט באַ דיר אַ צופאַל? און אַז די שוועסטער, צו לאַנגע יאָר, איז שוין דאָ געווען, פּונקט אין אַזאַ מין שטעטעלע אָן אַ וואָקזאַל און אָן אַ מאַרק און אָן גאָרנישניט, וואו ס׳איז אַלציקעדינג במנוחה, פּונקט ווי דיר צ׳אַך פאַרוועלט, דאָס רופט זיך ביי דיר אָנעט אַ צופאַל, האַ? און אַז באַלד נאָכן אַריינפּאָרן בין איך דאָ פאַרגאַנגען אין טראָגן, אין ווילנע ט׳מען מיר אויף אונדזער גאַס גאָר ״די עקרה״ גערופן, איך האָב דאָ צוגעוואונען דעם קדישל דיינעם, אַזאַ יינגעלע לעבן, אַ נאָמען נאָכן טאַטן אַ ליכטיקן גן־עדן... איז גוט, זאָל אַפּילו זיין, אַז דאָס איז אַלציקעדינג צופאַל. צי איז דען ווייטער אַ צופאַל, אַז דו האָסט גענומען דאָ זיך אָנמוטשען איבער דעם, צי דער אייבערשטער מישט זיך דאָ אַריינעט אויף דער וועלט, און מיט קיין אַנדער מעשה האָסטע זיך ניט אָנגעמוטשעט? פונדערפון, וואָס דיר איז אין לעבן געגאַנגען דערגיין די זאַך, האָסט גענומען לערנען דאָ מיט די יידן! איין קלייניקייט! לערנען תורה מיט די פּשוטע יידן אין אַ העק, אין ליגמיאַן, עק וועלט! אַלציקעדינג אַ צופאַל, כאַ כאַ כאַ! טו אַ קוק, אָרעלייבע אויף זיך, ׳עסטע שוין פאַרשטיין אַז דאָס אַלציקעדינג האָט דער אייבערשטער געמאַכט! איך האָב דאָך ניט

געוואוסט וואָס דאָ טוט זיך, נאָר מיר איז שוין דאַמאָלסט קלאָר געווען, אַז דיר אַליין, ביסטאָך גאָר אַ צופרידענער געוואָרן פון לערנען דאָ מיט די יידן! ניט ווי אין ישיבהלע דאָרטן אין ווילנע, וואו אַנדערע האָבן געלערנט תורה, און דו׳סט זיך אָנגעמוטשעט מיט ווייסעכוואָס. היינט די מצווה פון לערנען תורה מיט די יידן! דו אַליין – –

אָרעלייבע איז פאַרבליבן בלאַס און שטום.

זיי זיינען אַוועק שלאָפן.

אַ טאָג פיר־פינף, ביז פאַר־שבת, אָט ער זיך נאָך געצאַצקעט מיט אַן איינפאַל, אָרעלייבע, אַז אפשר איז ער אַליין גאָר אַ גאון צי אַ צדיק, ווען עס קומט השגחה פּרטית לשיטתו? נאָר לאַנג ט׳ניט געדויערט, ביז וואַנענט ער האָט ניט איינגעזען אַז דאָס וואָלט שוין איינמאָל אַ גאווה געווען, אַזאַ מין גאווה וואָס אַפדערוף קען מען קאַם תשובה טאָן.

⋆ ⋆ ⋆

שבתע־נאַכט שוין שפּעטלעך, האָט אָרעלייבע דעם כתב־יד זיינעם אַריינגערוקט אין אויוון. אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט. ביי דער שימערדיקער שיין פון די וואַקסענע ליכט האָט ער זיך צוגעקוקט מיט יינגלשער התפּעלות, ווי אַזוי די אַלע אותיעלעך זיינע, געקרייזלטע ווי האָלבע לבנות, ווערן שיער ניט איינציקווייז פאַרצוקט פון פאַרהונגערטע פייערדיקע שפּרונגען.

און אָרעלייבע האָט גענומען אויף דער עלטער אָנשרייבן גאָר אַ נייעם חיבור.

אָדאָרטן שטייט, אַז אויף תופס זיין די השגחה פּרטית, דאַרף מען לאַנגע יאָרן צוואוואַרטן. מען דאַרף אַזש אַליין דערלעבן אַ זקן אַ בא בימים צו ווערן (הגם אַליין איז דער מחבר נאָך קיין זקן ניט געווען). אַזאַ איינער, וואָס האָט זיך גוט אַרומגעקוקט. מ׳זאָל משיג זיין, פאַרוואָס דער אייבערשטער האָט גורם געווען אַ זאַכעלע וואָס איז אַליין גורם אַ צווייטע זאַך, וואָס זי גופא האָט צו טאָן מיט אַ דריטן ענין. ווער ס׳דערלעבט נאָר צו חכמה מיט זיקנה, קען נאָך באַווייזן די השגחה פּרטית צו באַנעמען דאָ אויף דער וועלט. נאָר פאַרפלאָנטערן דעם צמצום פון די השגהלעך פון סתם בשר־ודמס מיטן אמת גופא, דאָס איז גלאַט אַ נאַרישקייט. און אַז גלאַט נאַרישקייטן פעלן דאָך ניט אויסעט...

⋆ ⋆ ⋆

און אַז מ׳האָט אָרעלייבען, שוין אַ ייד איבער די גבורה יאָרן, צו קבורת ישראל געבראַכט אויפן ליגמיאַנער בית־עולם, האָט מען לויט דער לעצטער צוואה אַוועקגעטראָגן אין ווילנע, צו ראָמען, אָפּדרוקן דעם ספר זיינעם. ״השגחה בזמנה״ רופט זי זיך אָנעט, וועגן דער השגחה פּרטית וואָס ווערט באַשיימפּערלעך ערשט אַ שאָק מיט יאָרן לאחר המעשה.

אין ספר שרייבט זיך מערניט דעם מחברס נאָמען ״ר׳ אריה לייב קאמראז איש ליגמיאן״.

אַז מרת גאָלדע־איטע די פּלוניתטע האָט עס אים מגלה סוד געווען, וועגן דעריין ט׳ער אין ספר קיין וואָרט ניט דערמאָנט.

נאָר דער אמת וואַקסט אויסעט פון דער ערד, פּונקט אָט אַזויאָ, ווי די שענסטע וואַלד־בלימעלעך.

גאָלדיטע האָט זיך אויסגעפּיינט פאַר די שכנטעס און מיט די קונדן פון שניט־קראָם מיטן חידוש אירן.

אַז זי האָט דעם תלמיד חכם אירן גאָר מגלה סוד געווען, דאָס האָט פּאָרט אין ליגמיאַנער פּנקס פאַרשריבן דער מלמד ר׳ נתן אליהו זוראַט, נתן־אליה דער סופר ט׳מען אים גערופן, ווייל ער האָט אַלציקעדינג פון ליגמיאַן אין פּנקס אַריינגעשריבן. דיאָ מעשה רופט זיך ביי אים אָנעט: ״אשת חכמה מי ימצא״.

ביי אָרעלייבען אויף דער מצבה האָט מען אויסגעקריצט מיט גרויסע אותיות: ״בעל ספר השגחה פּרטית בזמנה״.

זי שטייט, די מצבה, ביזן היינטיקן טאָג אויפן ליגמיאַנער בית־עולם, אָט דאָס איז ליגמיאַן וואָס צווישן לאַבאָנאַר און פּאַלוש, אויפן אַלטן אוטיאַנער טראַקט.



מאָלער: שלמה יודאָווין